בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת מקץ

## די גרויסע געלעגנהייט פון אנטוישונג

**פאריגע** וואך, ווען מיר האבן געענדיגט די פרשה, האט עס אויסגעזען ווי אט-אט דערנענטערט זיך שוין יוסף הצדיק צום סוף פון זיינע לאנגע תפיסה-יארן, און עס דערקענט זיך שוין די ליכטיגקייט ביים ענד פונעם טונקעלן טונעל. נאך צען יאר שמאַכטן אין דער מצרי'שער תפיסה פאר א פארברעכן וואס ער האט קיינמאל נישט געטון, וועט יוסף ענדליך קענען פארזוכן דעם זיסן טעם פון פרייהייט. דער ארעסטאנט וועלכער איז געזעסן צוזאמען מיט אים אין זעלבן תפיסה-צעל, און וואס יוסף האט נושא חן געווען אין זיינע אויגן, האט געהאלטן ביים באפרייט ווערן און צוריק אויפגענומען ווערן אויף זיין פריערדיגער שטעלע אלס שר המשקים פון פרעה. יוסף האט זיך נישט געקענט ווינטשן קיין בעסערע פראָטעקציע, קיין גרעסערע האפענונג; א געלעגנהייט פון איין מאל אין לעבן, בעסער ווי ער וואלט זיך אמאל גע'חלומ'ט - דער שר המשקים, וועמען ער האט פותר חלום געווען לטובה, וועט יעצט האבן צו זיך פרעה'ס צוטרוי, און ער האט געגעבן פאר יוסף זיין ווארט, אז ער וועט רעדן וועגן אים צום קעניג. די ישועה איז שוין אויפ'ן וועג!

מיטאמאל האט זיך אלעס אפגעשטעלט. א רוישיגע שטילקייט! צווישן דעם סוף פון פרשת וישב און דעם אנהייב פון פון אונזער פרשה, הערן מיר גארנישט במשך פון צוויי יאר צייט. צוויי לאנגע יאר זיצט יוסף אין תפיסה און ווארט, און ווארט. דא האט ער שוין געמיינט אז ער שטייט ביים שוועל פון באפרייאונג, און דא הערט ער גארנישט. שא-שטיל; בלויז אן ענדלאָזע ווארטעניש, נאך א טאג און נאך א טאג. צוויי יאר פון ביטערע אנטוישונג.

### יוסף אין קעניגליכן פאלאץ

**און** יעצט - צוויי יאר שפעטער - הייבט זיך אן פרשת מקץ, ווען מיר שטייען מיט'ן שר המשקים אין קעניגליכן פאלאץ. פרעה רופט צוזאמען מיט גרויס שרעק זיינע ראַטגעבער און זוכט ווער עס קען אים אַנטשיידן זיינע מיסטעריעזע חלומות. מיטאמאל דערמאנט זיך דער שר המשקים אין זיין אלטן, גוטהארציגן פריינט פון טורמע, וועלכער האט ארויסגעוויזן גרויס פעאיגקייט פותר חלום צו זיין. ער דערציילט פאר פרעה וועגן זיין אלטן באקאנטן פון צוויי יאר צוריק, דעם עבד עברי וועלכער געפינט זיך אין תפיסה און וועט מעגליך קענען ארויסהעלפן אינעם מצב. בליץ שנעל הערן מיר ווי יוסף געפינט זיך שוין ביים שפיץ פון זיין קאַריערע. ער שטייט פאר פרעה און האלט ביים ווערן געקרוינט ווי דער משנה למלך פון מצרים.

אין אונזער היינטיגן שמועס, וועלן מיר ארייננטראכטן אין די ווערטער מיט וואס די תורה הייבט אן די דערציילונג פון יוסף'ס באפרייאונג פון תפיסה: "**ויהי מקץ שנתיים ימים**" - און עס איז געווען ביים

ענד פון צוויי יאר (בראשית מא, א). די וואס זענען באקאנט מיט לשון הקודש וועלן באלד באמערקן אז די דאזיגע ווערטער זענען אן אינטערעסאנטע לשון, אנדערש ווי די תורה וואלט געווענליך געשריבן: "**ויהי אחרי שתי שנים**" - און עס איז געווען **נאך** צוויי יאר. דער מדרש שטעלט זיך טאקע דערויף און זאגט אז עס מוז זיין אז עס רעדט זיך דא פון אן "ענד" וואס איז געקומען צו עפעס; "מקץ" ווייזט אויף׳ן סוף פון א באשטימטן צייט-אפשניט, דעם הויכפונקט פון א געוויסער געשעעניש.

אויפ׳ן פסוק "**קץ שם לחושך**" - השי"ת האט געמאכט אן ענד צום פינסטערניש (איוב כח, ג), זאגט דער מדרש (מדרש רבה פט, א): "**זמן נתן ליוסף כמה שנים יעשה באפילה בבית האסורים**" - השי"ת האט באשטימט א צייט פאר יוסף, וויפיל יאר ער זאל זיצן אין דער פינסטערניש אין תפיסה. און ווען די דאזיגע צוויי יאר האבן זיך געענדיגט, האט יוסף ענדליך געקענט ארויסקומען פון תפיסה און ער איז אנגעקומען צום שפיץ פון זיין קאַריערע.

## א מאנגל אין בטחון

**מען** דארף אבער פארשטיין: פון וועלכע צוויי יאר רעדן מיר דא? מיר ווייסן דאך אז יוסף איז געווען ארעסטירט אין דער מצרי'שער תפיסה פיל מער ווי צוויי יאר! עס קען דעריבער נישט זיין אז "מקץ שנתים ימים" באציט זיך צום ענד פון זיינע יארן אין תפיסה, ווייל ער איז געזעסן אין דער זעלבער תפיסה צען יאר נאך פאר די דאזיגע צוויי יאר. נאר "מקץ" מיינט ביים ענד פון די לעצטע צוויי יאר פון זיין זיצן אין תפיסה. אויב אזוי איז שווער: מיט וואס זענען די דאזיגע צוויי יאר געווען מער באדייטנדיג ווי זיינע ערשטע צען יאר אין תפיסה, אז די תורה זאגט אז ערשט נאך אט-די צוויי לעצטע יאר פון זיין תפיסה-טערמין איז ער באפרייט געווארן?

דער מדרש פארענטפערט דאס (בראשית רבה פט, א), אבער ווי מיר וועלן זען דארף מען פארשטיין דעם מדרש. דער מדרש זאגט: "**על ידי שאמר לשר המשקים זכרתי והזכרתני נתוסף לו שתי שנים שנאמר ויהי מקץ**" - ווייל יוסף האט געזאגט צום שר המשקים די ווערטער "געדענק מיך" און "זאלסט מיך דערמאנען", האט השי"ת צוגעלייגט פאר אים נאך צוויי יאר אין תפיסה. נאכדעם וואס יוסף האט געענדיגט פותר חלום זיין פאר׳ן שר המשקים, האט ער אים געבעטן: "**כי אם זכרתני אתך... ועשית נא עמדי חסד והזכרתני אל פרעה והוצאתני מן הבית הזה**" - "זאלסט מיך געדענקען... און זאלסט טון מיט מיר א חסד און מיך דערמאנען פאר פרעה און זאלסט מיך ארויסציען פון דאזיגן הויז" (בראשית מ, יד). ערקלערט דער מדרש, אז צוויי יאר נאכ׳ן דאזיגן געשפרעך מיט׳ן שר המשקים, האט פרעה ענדליך באפוילן אז מען זאל באפרייען יוסף פון תפיסה און אים ברענגען פותר חלום צו זיין פאר אים, און דאן איז יוסף געווארן דער משנה למלך אין מצרים.

דערמיט לערנט אונז דער מדרש, אז יוסף איז באשטראפט געווארן צו דארפן בלייבן נאך צוויי יאר אין תפיסה צוליב דעם וואס ער האט זיך פארלאזט אויף א בשר-ודם. דער דאזיגער מאנגל אין בטחון, ווי מיר זעען פון זיין בקשה צום שר המשקים, איז געווען די סיבה וואס ער האט געדארפט שמאכטן נאך צוויי יאר אין תפיסה, און ערשט "מקץ שנתים ימים", נאכדעם וואס די צוויי יאר האבן זיך געענדיגט, איז יוסף ארויס אויף דער פריי.

## וואס איז געווען יוסף׳ס חטא?

**דער** דאזיגער מדרש איז "אומר דרשני"; מען דארף פארשטיין פשט אין דעם מדרש: וואס איז געווען דער גרויסער חטא פון יוסף הצדיק? וואס איז געווען שלעכט דערמיט וואס ער האט געוואלט אויסניצן די געלעגנהייט ארויסצוקומען פון תפיסה, און פארוואס איז ער באשטראפט געווארן צו דארפן זיצן נאך צוויי יאר אין תפיסה נאר ווייל ער האט געמאכט א פרואוו ארויסצוקומען פון דארט? פארקערט, עס איז דאך גאר געווען א מצוה אז יוסף זאל פרובירן זיך צו העלפן, און ווען אן אנדערער

איד וואלט געזעסן און תפיסה און יוסף וואלט זיך משתדל געווען אים אויסצולייזן, וואלטן מיר אים דען נישט געלויבט דערפאר? מיר ווייסן דאך אז "חייך קודמין", דעם מענטשנ'ס לעבן קומט פאר אנדערע, און ס'איז נאך א גרעסערע מצוה צו העלפן זיך אליין. נאך אלעמען איז דאך ער אליין אויך א איד!

לאמיר זיך פארשטעלן, אז א גרויסער צדיק איז אריינגעפאלן אין טייך - זאל ער פרובירן שווימען און ארויסקומען פון טייך, אדער זאל ער זיך פארלאזן אז דער רבוש"ע וועט אים שוין ראטעווען און ער זאל גארנישט טון? אוודאי דארף ער טון אלעס וואס ער קען זיך צו ראטעווען, און אויב נישט איז ער א "מתחייב בנפשו". דער צדיק ראנגלט זיך ארויסצוקומען פונעם שטורעמדיגן טייך, און פלוצלינג זעט ער א גוי מיט א פישכאפער-שיף אין טייך. זאל ער זיך יעצט ווייטער טרינקען אין וואסער און האבן בטחון אז השי"ת וועט אים ראטעווען? און אויב ער וועט בעטן אז דער גוי זאל אים צואווארפן א רעטונגס-שטריק אז ער זאל זיך ראטעווען דערמיט - וועט ער בעשטראפט ווערן און צוליב דעם זיך דארפן נאך טרינקען אין טייך? און אויב ער טראכט אז ער קען צואשווימען צום ברעג פון טייך, אדער זיך אנכאפן אין עפעס א שווימענדיגן קלאץ, זאל ער זיך אפהאלטן דערפון? עס איז קלאר, בלי שום ספק, אז ער דארף שרייען נאך הילף, שווימען, זיך אנכאפן אין וואס ער קען נאר און טון אלעס וואס איז אין זיין מעגליכקייט זיך צו ראטעווען דאס לעבן.

## יוסף הצדיק האט זיך געטרונקען

**יוסף** הצדיק האט זיך אויך געטרונקען אין פארלויף פון צען יאר אינעם שטורעמדיגן טייך פון דער מצרי'שער תפיסה. צען יאר! און ער וואלט נישט אזוי שנעל באפרייט געווארן, און וואלט געבליבן שמאכטן דארט אין פינסטערן גרוב נאך א לאנגע צייט, אפשר גאר ביז'ן לעצטן טאג פון זיין לעבן. אוודאי איז ער געווען בארעכטיגט צו פרובירן אויסצוניצן יעדע געלעגנהייט ארויסצוקומען אויף דער פריי. און וואס איז נאך געווען א בעסערע געלעגנהייט דערפאר ווי דעמאלט, ווען דער שר המשקים האט געהאלטן ביים צוריק אויפגענומען ווערן אויף זיין פריערדיגער שטעלע אין קעניגליכן פאלאץ, מיט דער פארווירקליכונג פון יוסף'ס אנטשיידונג פון זיין חלום. דער שר המשקים וועט יעצט שוין ווידער האבן אן אפן אויער ביי זיין הארר, פרעה, און וועט אים קענען גרינג אריינרוימען אין אויער און זאגן: "הויכגעשעצטער קעניג! איך וויל אייך דערציילן, ס'איז דא א מענטש אין טורמע. ער איז א וואוילער, יונגער און זייער-גערא͏ָטענער מענטש, **און** איז אומשולדיג. אפשר קען דער קעניג עפעס טון פאר זיינעטוועגן?"

און דערפאר זאל מען זאגן אויף יוסף הצדיק "**ארור הגבר אשר יבטח באדם**" - געשאלטן איז דער מענטש וואס פארלאזט זיך אויף א מענטש?! יוסף הצדיק האט זיך נישט פארלאזט אויף קיין מענטש! ער האט זיך פארלאזט אויפ'ן באשעפער. און אפילו דער גרעסטער צדיק וואס האט בטחון אין אויבערשטן מוז עפעס טון אליין זיך צו העלפן. א צדיק וואס זעצט זיך אוועק צופרי ביים טיש עסן פרישטאג, זאל זיך צוריקהאלטן פון נעמען דעם לעפל און עסן, און ער זאל זיצן אוןווארטן אויף א נס?! וואס איז געווען דער גרויסער חטא פון יוסף הצדיק, וואס דערפאר איז ער באשטראפט געווארן צו זיצן נאך צוויי יאר אין תפיסה?

## השי"ת לייטערט אויס יוסף אין תפיסה

**לאמיר** אריינקוקן אין תהילים, וועלן מיר זען א מערקווירדיגע זאך וואס שטייט דארט, און דאס וועט אונז עפענען די טיר צו פארשטיין דעם פלאן וואס השי"ת האט געהאט פאר יוסף הצדיק. די פסוקים אין קאפיטל קה (יז-כ) רעדן פון דער מעשה פון יוסף הצדיק. "**שלח לפניהם איש**" - השי"ת האט אראפגעשיקט א מענטש קיין מצרים פאר די בני ישראל זענען אראפגעקומען אהין, "לעבד

נמכר יוסף" - און דערפאר איז יוסף פארקויפט געווארן פאר א קנעכט. יוסף איז אראפגעשיקט געווארן פאראויס קיין מצרים, כדי צו מאכן די צוגרייטונגען פאר זיין משפחה, אז זיי זאלן שפעטער זיך קענען באזעצן אין לאנד און דארט וואקסן און זיך פארמערן, און ווערן דאס אידישע פאלק.

אט דאס איז געווען דער פלאן פון השי"ת. און וואס איז געשען ווען יוסף איז אנגעקומען קיין מצרים? "ענו בכבל רגלו" - די מצרים האבן געפייניגט אין קייטן זיינע פיס, "**ברזל באה נפשו**" - אייזן איז געקומען אין זיין לייב, ד.ה. מען האט אים צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן אין תפיסה, און ער האט געליטן דארט אן א שיעור.

זאגט דוד המלך: ביז ווען האט יוסף הצדיק געדארפט ליידן? צי האט מען געפלאנט אים צו ברענגען צו דער באפרייאונגס-קאָמיסיע, אז מען זאל איבערטראכטן זיין שטראף? וועט די ענדע פון זיין תפיסה-טערמין אנקומען ווען פרעה וועט אים געבן א באַגנעדיגונג? ניין - "**עד עת בא דברו**" - דאס האט אנגעהאלטן ביז צו דער צייט וואס עס וועט קומען דאס באפעל פון אויבערשטן. השי"ת האט געהאלטן יוסף'ן אין תפיסה פאר א צוועק: "אמרת השם צרפתהו" - דאסווארט פון אויבערשטן, אז יוסף מוז בלייבן אין תפיסה, האט אים אויסגעלייטערט. אזוי ערקלערט אונז דוד המלך די סיבה פון די איבעריגע צוויי יאר וואס יוסף איז געבליבן זיצן אין תפיסה. עס איז געווען א "צירוף", אן אויסלייטערונג.

"**צרפתהו**" איז דאס זעלבע ווארט וואס מען באנוצט לגבי אויסרייניגן גאלד. ווען איינער האט גאלד, זילבער, אדער אן אנדער טייערן סארט מעטאַל, לייגט ער עס אריין אין אויוון אז עס זאל זיך צעלאזן; ער לייגט עס העכער'ן פייער, אז עס זאל אויפגעקאכט ווערן און פארוואַנדלט ווערן אין א פליסיגקייט. ווען דאס גאלד צעלאזט זיך, טיילט זיך אפ דערפון א טייל פונעם אפפאל. עס קומט ארויף צום אויבערפלאַך, און מען נעמט אראפ דעם אפפאל פון אויבן, און אזוי ווערט אויסגערייניגט דאס טייערע מעטאַל, ווי גאלד און זילבער.

אויב מען וויל רייניגן דאס גאלד נאך מער, עס זאל ארויסקומען א נאך-מער לויטערע שטיק גאלד, איז מען נישט צופרידן מיט'ן עס צעלאזן בלויז איין מאל, נאר מען קאכט עס אויף נאכאמאל, און עס טיילט זיך אפ נאך פונעם אפפאל. און וואס לויטערער מען וויל אז עס זאל ווערן, אלץ מער מאל דארף מען עס לייגן איבער'ן פייער און צעשמעלצן. כ'ווייס נישט צי איינער וועט רייניגן גאלד במשך פון צוויי יאר צייט, אבער ס'איז אן ארבעט, א היפשע ארבעט אויסצולייטערן דאס גאלד.

## דעם אויבערשטנ'ס גרויסער שמעלץ-טאפ

**לערנען** אונז די פסוקים אין תהילים, אז השי"ת האט אויסגעלייטערט יוסף הצדיק אין תפיסה, און ווען דער שר המשקים איז באפרייט געווארן האט יוסף גענומען ווארט אויף רעזולטאטן; ער האט אנגעהויבן האפן. "אה! אפשר יעצט וועט זיך אנהייבן עפעס רוקן דא." און ווי גרויס עס איז נאר געווען זיין בטחון אין אויבערשטן, האט ער זיך אבער פארלאזט אויך אויפ'ן שר המשקים. עס איז נאך געווען עפעס אפפאל פון "ארור הגבר אשר יבטח באדם".

די צייט האט זיך גערוקט, אבער גארנישט האט נישט פאסירט. עס איז אדורך איין וואך, צוויי וואכן, א חודש, א האלב יאר - גארנישט. שטיל. אין די דאזיגע צוויי יאר וואס יוסף איז געזעסן אין תפיסה, געבונדן אין קייטן, און געווארט און געווארט... איז ער געווארן אויסגערייניגט פון יעדער ברעקל האפענונג צו א בשר-ודם. ער האט אנגעהויבן טראכטן: עס איז נישטא קיין צוועק זיך צו פארזיכערן אין א מענטש. "אמרת השם צרפתהו" - דאס באפעל פון השי"ת אז ער זאל בלייבן אין תפיסה האט אים אויסגעלייטערט פונעם אפפאל פון זיך פארלאזן אויף א מענטש.

צוויי יאר פון אנטוישונגען האבן געמוזט דורכגיין, צוויי יאר פון זיך פארלאזן אויפ'ן אומערפילטן צוזאג פון א מענטש, כדי אז יוסף זאל ווערן אויסגערייניגט פון בטחון אין מענטשן; צי אין זיך אליין,

צי אין אנדערע. און ווען די דאזיגע צוויי יאר זענען געקומען צו אן ענד, נאך טעג און טעג, וואכן און חדשים, וואס יוסף האט געזאגט צו זיך: "א בשר-ודם איז באמת גארנישט מיט נישט, און נאר השי"ת קען מיך ראטעווען" - איז ער שוין יעצט געווען אויפגעלאזט ווי שטארק ער האט געקענט; ער איז געווען אויסגעלייטערט פון קלענסטן פגם פון "ארור הגבר אשר יבטח באדם" - ווייל "אמרת השם צרפתהו" - דאסווארט פון השי"ת האט אים אויסגעלייטערט. און יעצט - "שלח מלך" - האט השי"ת תיכף-ומיד געשיקט א קעניג, "ויתירהו" - און ער האט אים אויפגעבונדן פון די תפיסה-קייטן און אים ארויסגענומען פון געפענגעניש.

די צוויי יאר, הייסט עס, זענען נישט געווען קיין עונש. עס קומט נישט קיין שטראף ווען איינער פרובירט זיך צו העלפן. נאר ווען השי"ת האט איינעם ליב, וועט ער אים אראפשיקן געלעגנהייטן פון "צירוף", אויסלייטערונג, און ער וועט אויסרייניגן דעם מענטש פונעם אפפאל פון פאלשע געדאנקען און השקפות. און דערפאר האט יוסף געדארפט בלייבן נאך צוויי יאר אין תפיסה, כדי ער זאל ווערן אויסגעלייטערט.

און דאס איז פשט אינעם מדרש. "קץ שם לחושך" - השי"ת האט געהאלטן יוסף'ן אין דער פינסטערניש. עס האבן געדארפט דורכגיין צוויי יאר, ביז עס איז געקומען די צייט וואס השי"ת האט באשלאסן אז יעצט איז די פאסיגע צייט אז דער חושך זאל קומען צו אן ענד. "מקץ שנתיים ימים" - ווען עס האבן זיך געענדיגט די צוויי יאר פון ווארטן אויף הילף, און פון פארלירן די האפענונג אין א בשר-ודם, דעמאלט איז יוסף שוין געווען אויסגעלייטערט; ער האט מער גארנישט געהאט קיין האפענונג אין קיין מענטש און האט געזאגט: "כ'קען גארנישט פארשטיין ווי אזוי איך האב זיך געקענט ביז היינט פארלאזן אויף א מענטש, וואס קען דאך נישט טון פאר מיר קיין שום זאך, און אלעס ליגט נאר אין די הענט פון השי"ת." דעמאלט האט השי"ת געזאגט: עס איז געקומען די צייט אז איך זאל ארויסנעמען יוסף פון תפיסה.

## אנטוישונגען זענען א געלעגנהייט פאר שלימות

**מיר** לערנען ארויס פון דעם אלעם, אז איינע פון די גרעסטע געלעגנהייטן פאר א מענטש אין לעבן איז ווען ער גייט דורך אן אנטוישונג. די צוויי יאר אין וועלכע יוסף האט איבערגעלעבט אנטוישונגען איינע נאך דער אנדערע האבן אים גרויס געמאכט. דאס זעלבע איז אויך מיט אונז - נאר דער חילוק איז, אז מיר ניצן נישט אויס אט-די גרויסע געלעגנהייטן פון אונזערע אנטוישונגען כדי צו דערגרייכן וואס מער שלימות אין בטחון אין אויבערשטן, וואס ער איז דער איינציגער מקור פון אלעם אין דער וועלט. און ווען אונזערע פלענער שטעלן זיך אויס אנדערש ווי מיר האבן געוואלט, אדער ווען מענטשן אדער זאכן אויף וועלכע מיר האבן זיך פארלאזט ברענגען נישט די ערווארטעטע רעזולטאטן, נעמען מיר אפט נישט ארויס קיין תועלת פון דער געלעגנהייט וואס האט זיך אונז געמאכט צו דערגרייכן שלימות.

השי"ת וויל לערנען דעם מענטש א לעקציע, אז ער זאל אנקומען צו אנערקענען אז נאר ער, הקב"ה אליין פירט די גאנצע וועלט, און אונזער גאנצער גורל ליגט בלויז ביי אים אין די הענט. ווען מיר פארלאזן זיך אויף איינעם אויסער דעם אויבערשטן, וועט השי"ת אונז אפט עפענען די אויגן און אונז שיקן אן אנטוישונג. דאס איז אזא לערן-סיסטעם מיט וואס השי"ת באנוצט זיך כדי אונז אויסצולערנען די גרויסע לעקציע, אז מיר זאלן פארשטיין און אנערקענען שטענדיג אז השי"ת איז דער אויסשליסליכער הערשער איבער דער גאנצער וועלט און ער איז דער וואס מאכט אלעס וואס פאסירט אין אונזער לעבן.

די קונטרס ווערט צושפרייט אין וויליאמסבורג כעת אין
עטליכע גרעסערע שוהל'ן, אויב איר ווילט מזכה זיין נאך
אידן רופט: 845-213-7571

**ליינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",**



## איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

מיט אפאר דאללאר

רופט אריין צו אויסקלויבן, אייער וואך

845-213-7571


# נדבת השבוע

פ' מקץ נתנדב ע"י

## הרה"ח מוה"ר ר' ישראל אהרן אייזדארפער הי"ו

## להצלחה בכ"ע ולכל מילי דמיטב

# שטיין ווייט פון מחלוקת צווישן פרומע אידן

## שאלה:

**ווי אזוי דארף א איד רעאַגירן צו א מחלוקת צווישן איין גדול און אן אנדערן אדער צווישן איין גרופע אידן און אן אנדערער?**

## תשובה:

**שטיי** ווייט אוועק דערפון, כדי זאלסט נישט פארברענט ווערן. עס האט גארנישט מיט דיר; דו ביסט נישט קיין גדול, איז שטיי ווייט און מיש דיך נישט אריין.

**אויב** עס רעדט זיך אבער פון לוחם זיין קעגן רשעים און אפיקורסים, דאס איז שוין אן אנדער מעשה.

**קיינער** פון אונז קען נישט בלייבן שטיל ווען מיר זעען וואס די רעפאָרמער טוען. ווען די רעפארמער זאגן אז ווען א איד הייראט א גויע וועלכע האט זיך נישט מגייר געווען, זענען זייערע קינדער אידן, דארפן מיר קעמפן קעגן זיי. אויב א איד זאגט אז מ'קען זיין א וואוילער איד און נאך אלץ ארבעטן שבת, דארפן מיר אים באקעמפן.

**אויב** איינער פירט א מלחמה קעגן איבערשטן, קעגן דער תורה, דעמאלט איז צייט צו עפענען דאס מויל. עס זענען דא צייטן, בלי ספק, וואס מען דארף זיך אנרופן און נישט בלייבן שטיל.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**אבער** ווען פרומע אידן קריגן זיך, דארפן מיר שטיין פונדרויסן. דאס איז דער איינציגער זיכערער וועג. ס'איז א טראַגישער טעות זיך אריינצומישן, ווייל עפענען דאס מויל הייסט שפילן זיך מיט פייער. פיל מענטשן זענען אנגעקומען אין גיהנום ווייל זיי זענען געווען גענוג נאריש צו עפענען זייערע מיילער. עס זענען דא פיל מענטשן, פיינע מענטשן, וועלכע שרייען יעצט אין גיהנום, ווייל זיי האבן געעפנט זייערע גרויסע מיילער. פארוואס זאלט איר וועלן מאכן דעם זעלבן טעות?!



מהדורת אחת שאלתי
כל הזכויות שמורות